בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת בהעלותך

שנת תשפ"ד לפ"ק

נלקט משיעוריו של
הגה"צ ר' **יהושע העשיל שארף** שליט"א
רב ואב"ד חסידי רוזין קרית יואל

הוצאת מובחר

# לשמוע שיעורים

# על מערכות קול הלשון

**אויף א דירעקטע נאמבער**

בארץ ישראל
**073.321.1792**

בארה"ב
**646-934-6134**

אפשר למנות לקבל השיעורים בכל יום דרך קול הלשון
**שמעו ותחי נפשכם**

# פרשת בהעלותך תשפ"ד

מען געפינט זיך פרשת בהעלותך די סדר הפרשיות אנגעפאנגן פון במדבר נשא בהעלותך שלח, במדבר טרעפט מען אז הכל דשין עליו יעדער צוטרעט עס ווי אויך איז די שורש פון די ווארט אויך א לשון דיבור וואס מען טרעפט אז דיבור איז לשון קשה

א מענטש פילט אמאל צעטרויטן און עס איז אמאל שווער פאר א מענטש, נאר איז די עצה נשא זיך צו דערהייבן, וויאזוי זאגט די וואכעדיגע סדרה בהעלותך – א לשון יחיד

אז עס ווענדט זיך אין די מענטש אליינס זיך ארויסצוזען פון א שווערע מצב

פון חיד"א שטייט אויפן פסוק וצדיקים ישמחו יעלצו לפנים אלוקים וישישו בשמחה שטעלט ער זיך אויף די לשון וישישו בשמחה

וואס איז די לשון וישישו בשמחה פארוואס שטייט א דאפלטע לשון עס וואלט געקענט שטיין וצדיקים ישמחו יעלצו לפני אלוקים בשמחה וואס איז די דאפלטע לשון

איז ער מסביר אז שמחה איז א זאך וואס קומט נישט נאטורלעך מען דארף טון פעולות צו זיין בשמחה עס געשענט נישט פון זיך אליין איז

דאס די דאפלטע לשון וישישו בשמחה מען דארף טוען א פעולה פון וישישו - בשמחה - און אזוי וועט מען זיין בשמחה

די ווארט בשמחה איז בגי' רמ"ח מיט די אותיות ק"ז די אותיות ק"ז איז די שורש פון די ווארט זיקה וואס מיינט אז עס איז דא א שעובד אזוי ווי מען טרעפט זיקה לייבום

קומט אויס אזוי, אז רמ"ח איז מרמז אויף טוען ווייל רמ"ח איז דאך מצות עשה איז די הסבר אז פאר שמחה פעלט אויס צו טוען פעולות סאיז דא א זיקה - עס פעלט אויס צו טוהן בבחינת רמ"ח טוהן א פעולה צו זיין בשמחה

די פסוק זאגט פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון אמאל איז דא א מענטש וואס האט נישט קיין רצונות און ער איז אויסגעלאשן אינגאנצן ער פילט ווי ער טאפט א וואנט און ער וויל מעורר זיין ביי זיך עפעס א רצון אנצוגיין

זאגט די פסוק פותח את ידיך די הייב אן מיטן טוהן פעולות וואס רעדט צו דיר צו ברענגען אן התעוררות און א.א.וו.

די הסבר איז מען טרעפט אז די יד פון א כלי מיט דעם כאפט מען אן די כלי מען דארף זעהן זיך אנצוכאפן מיט א פעולה וואס וועט אויפוועקן די מענטש

אמאל איז דא א מענטש וואס א ניגון וועקט אים אויף און אמאל איז דא איינער וואס ליינען וועקט אים אויף און ביי אן ערנסטע אינגערמאן א בלעטל גמרא צו א קאפיטל תהילים

פותח את ידיך – הייב אן מיט עפעס א פעולה, וועט שוין אנקומען ומשביע לכל חי רצון וועט אנגעפילט ווערן די רצון און מען וועט קענען גיין ווייטער

מען האט פריער דערמאנט אז מען טאפט א וואנט, די הייליגע חפץ חיים האט אמאל געזאגט אז סאיז דא איינער וואס טאפט א וואנט און עס איז דא א מושג וואס ווערט אנגערופן א העכערע איד א גוטע איד א צדיק

די העכערע איד קען זען העכער די וואנט אז אינטער די וואנט ליגן אוצרות זהב וכסף

מען טרעפט ביי די נגעי בתים ווען די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל זענען געווען די נגעי בתים און מען האט געדארפט צאמווארפן די הויז און מען האט געטראפן דארט די אוצרות וואס די כנענים האבן באהאלטן

די איד איז געקומען צום כהן און געזאגט כנגע נראה לי בבית עס האט אויסגעזען ווי א נגע כ'נגע אבער באמת איז דארט געלעגן א גרויסע אוצר

ליידער מאכן אידען מיט זה בכה וזה בכה עגמות נפש'ן קטן כגדול אונטער יעדער עגמות נפש ליגט אן אוצר און אז מלעבט מיט דעם אז מ'ווייסט אז עס ליגט אונטער דעם אן אוצר האט מען א לעבן פון אמונה און שמחה תמידית

עס איז אמאל געקומען א איד צו הרה"ק רבי שלומ'קה זוויהל'ער זי"ע און האט געזאגט אז ער מאכט מיט גאר אסאך האט אים די צדיק געזאגט דו דארפסט זיך פרייען,

האט ער געפרעגט פארוואס דארף איך זיין בשמחה מיינע חברים וואס עס גייט זיי גוט זיי דארפן זיין בשמחה פארוואס דארף איך זיין בשמחה

האט ער אים מסביר געווען אז איינער גייט נאך געלט און ער קומט צום טיר פון די נגיד און די נגיד בעט אים גיב מיר צען דאלאר ווייסט ער אז ער גייט באקומען צוואנציג דאלער און אז ער בעט אים פינעף דאלער מיינט עס אז ער גייט באקומען 10 דאלער

און אויב בעט ער פיפצעג דאלער מיינט ער גייט באקומען הונדערט דאלער וואס מער רעשטע - טשעי'נדש ער בעט אים מיינט ער גייט באקומען א גרעסערע סכום

די זעלבע האט אים רבי שלומ'קה זי"ע מסביר געווען דיינע חברים

האבן נישט וואס צו זיין בשמחה ווייל זיי האט מען נישט געבעטן קיין טשעי'נדש אבער דיר אז דו האסט דעם גרויסן עגמות נפש מיינט אז עס קומט א מעכטיגע מתנה ווארט עס אויס - חבו מעט רגע עד יעבור זעם

טאקע דעם פסוק דארף מען פארשטיין לכאורה וואלט געדארפט שטיין חכו מיט א כ' וואס דעס איז די כונה פון דעם פסוק מען זאל ווארטן עד יעבור זעם

נאר די חילוק פון דעם ב' מיט די כ' איז אז די ב' שטעכט פון די זייט און די כוונה איז אפילו ס'שטעכט סאיז מוראד'דיג שווער ווארט עס אויס די מתנה גייט אנקומען

ווי באקאנט ווערט דער וואך דערמאנט דער ענין פון להגיד שבחו של אהרן שלא שינה

אין אוהב ישראל ווערט דערמאנט דער ענין אז אהרן הכהן האט נישט געטון די מצות די צענטע מאל און די הונדעסטע מאל אנדערש ווי דער ערשטע מאל

וואס ווען איינער טוט א מצוה די ערשטע מאל טוט ער עס מיט א התחדשות און א חביבות אנדערש ווי ווען ער ווערט צוגעוואוינט ווערט עס ליידער א בחינה כמצות אנשים מלומדה

אבער ביי אהרן הכהן איז יעדן טאג געווען די זעלבע התחדשות ביי די מעשה המנורה כאילו דעם טאג וואלט געווען די ערשטע טאג וואס ער צינדט די מנורה

א גוטע דוגמא איז א בר מצוה בחור דאס ערשטע פאר מאל ער לייגט תפילין גיט ער אכטונג אז אלס זאל זיין אין פלאץ מען קען נאך שמעקן די פרישקייט פון די רצועות און ער דרייט ארויף די רצועות צוביסלעכווייז איינס אויף אמאל שטייטערהייט

אבער נאך עס גייט אריבער אפאר וואכן קען געשען אז די רצועות דרייען זיך ארויף אזוי פון זיך אליין און ליידער גייט אוועק די התחדשות וואס מען שפירט די ערשטע פאר מאל

אבער ביי אהרן הכהן איז נישט געווען אזוי נאר להגיד שבח של אהרן שלא שינה ער האט נישט געטון אנדערש די מצות נאך הונדערט מאל צו נאך די צווייטע מאל

איך וויל דערמאנען א מעשה וואס כהאב געזען פון הגה"צ רבי גמליאל רבינוביץ שליט"א ברענגט ער אזא מעשה וואס איז געווען ביי ר' אלי' ראטה ז"ל די גבאי פון רבי שלומ'קה זוויהל'ער זי"ע וואס מען האט שוין פריער דערמאנט אין דעם שמועס

ר' אלי' איז אמאל אריינגעקומען אין בית מדרש נאך שחרית און ער טרעפט א איד שטייט גרייט פארן לייגן תפילין מיט א זויערע פנים און עס זעט אים אויס ווי די לייגן תפילין גייט אים זיין די שווערסטע דורכגאנג אין זיין טאג ממש עבודת הפרך,

גיט ער אים א פרעג זאג מיר איך קען מאכן מיט דיר א געשעפט, איך גיב דיר פופציג דאלער יעצט בתנאי אז דו לייגסט היינט נישט קיין תפילין

זאגט אים די איד ח"ו זיין א קרקפתא דלא מנח תפילין חס מלהזכיר זאגט אים ר' אלי' ווייסטו וואס איך וועל דיר געבן צוויי הונדערט דאלער גייסטו איין אויף דעם געשעפט אז דו זאלסט נישט לייגן קיין תפילין היינט

זאגט ער אים ח"ו אוודאי גיי איך לייגן תפילין איך גיי נישט איין אויף דעם געשעפט ר' אלי' גיט נישט אויף און פרעגט אים ווייסטו וואס איך גיב דיר טויזנט דאלער אויף דעם וועסטו זיכער מסכים זיין ניין ?

רופט זיך אן דער איד חס מלהזכיר אפילו וועסט מיך געבן צען טויזנט דאלער גיי איך נישט מוותר זיין אויפן לייגן תפילין היינט

רופט זיך אן ר' אלי' צו דער איד מיט חכמה דו הערסט וואס דו זאגסט אין

אנדערע ווערטער איז דיין לייגן תפילין היינט ווערד מער ווי צען טויזנט דאלער נו פארוואס זעה איך נישט אויף דיין פנים די שמחה פון איינער וואס האט געווינען צען טויזנט דאלער אזוי דארף א איד אנקוקען די זאך

וועלן מיר דערציילן נאך איין מעשה פון נאך ירושלים׳ער איד מיטן נאמען רבי נטע צענווירטה ז״ל ער האט געהאט א מנהג צו זיין פליישיג במשך רוב שעות אין טאג ווען איינער האט אים געפרעגט ער זאל פארשטיין געבן וואס איז פשט אין דעם מנהג רוב טאג זיין פליישיג?

האט ער געענטפערט מיט א מתיקות א שטארקע דערהער וואס איז כדי אז יעדער עובד השם זאל גוט אריינעמען אין זיך

האט ער געזאגט אזוי, ווען איך בין פליישיג בין איך צוגעבונדן צום אויבערשטן פאר זעקס שעה ווען איך בין מילכיג בין איך צוגעבונדן צום אויבערשטן נאר פאר א האלבע שעה א דערהער פון א ירושלימער איד יראת שמים איז נישט קיין פרעשור נאר ווי מען רופט עס אויף ענגליש א פלעזשור!

מען האלט נאך נאכט צום יום טוב שבועות אן יראת שמים איז נישט דא קיין תורה

א העליקאפטער וואס שנעלער און מער עס דרייט זיך פון אויבן אלס העכער קומט עס אן וואס מער א איד וואס גייט אין גאס אדער ביי די פרנסה אדער סיי ווי וואס מער ער דרייט אוועק די אויגן אלס העכער קומט מען אן און מיט דער געדרייעכץ דרייט מען זיך ארויס פון אלע פראבלעמען

אין די היינטיגע דור האט יעדער ליב ווען אלעס גייט נאטורלעך אן קיין שוועריגקייטן אבער די כף אחת וואס צדיקים לערנען אונז אויס דאס איז גורם עשרה זהב אז א איד זאל זיך דרייען מיט טאשן אנגעפילט מיט גאלד מיט פרנסה בריוח אין עשירות און הצלחה בכל הענינים

אחזת שמירת עיני נפעמתי ולא אדער זאגט די פסוק אין תהלים, אז די כאפסט זיך אן די שמירת ענינים נפעמתי די ערשטע מאל די בעטסט פעם ראשון ווערט די תפילה גלייך אנגענומען ולא אדבר דיבור לשון קשה עס קומט נישט אן שווער צו פועלן די ישועה

יעדער נסיון וואס די אויבערשטער שיקט איז א מתנה פון אויבערשטן מען קען דעמאלסט אלעס פועלן

צדיקים האבן געטייטשט הכל ביי שמים חוץ מיראת שמים האבן זיי געטייטשט אזוי הכל יעדע זאך אין די וועלט נישט קיין חילוק וואס

יעדער מחשבה דיבור ומעשה קטן כגדול

דאס אז דו לייגסט יעצט די קונטרס אין דער צייט פון טאג און אין דעם טאג צו עס איז שבת צו אינמיטן וואך האט מען שוין באשערט ששת ימי בראשית מיט די גרעסטע מאס פינקטלעכקייט און אויסגערעכנקייט בלי שום שינוי

און דאס איז ביי יעדע זאך אין די וועלט איז הכל - בידי שמים ווען די אויבערשטער האט באשאפן שמים בשעת ימי בראשית איז שוין אלעס באשערט מיט די גרעסטע מאס אויסגערעכנקייט ווי דערמאנט

חוץ מיראת שמים חוץ ווען א איד האט יראת שמים און איז זיך מתגבר אויף א נסיון דעמאלסט קען ער אפילו א באשערטע עגמות נפש וואס איז אים באשערט ששת ימי בראשית קען מען טוישן אז עס זאל נישט זיין די עגמות נפש און מען קען פועלן חסדים מגולים הטוב הנגלה והנראה

די סיבה צו דעם איז היות דעס אז א מענטש האט א בחירה און עס איז נישט באשערט געווארן ששת ימי בראשית צו ער גייט זינדיגן ח"ו צו נישט קומט אויס אז ביסט דעמאלסט אין א מצב וואס איז נישט באשערט געווארן ששת ימי בראשית

קען מען דעמאלסט צוליב דעם טוישן די הנהגה פון ששת ימי בראשית איבערצודרייען יעדער שוועריגקייט און יעדער מיטשעריי און סתם אזוי פועלן עשירות און סיי וועלכע בקשה און מען ווערט גלייך געהאלפן

דאס איז די מתנה וואס א מענטש דארף טאנצן און שפרינגען אז די אויבערשטער האט אים געברענגט א נסיון א געלעגנהייט וואס מען טאר נישט פארפאסן

וועט איינער פרעגן אסאך מאל מאכט זיך אז עס קומט איין נסיון און נאך א נסיון און עס לאזט נישט נאך

מען וויל דאך ניצן די כח פון יעדער נסיון צו פועלן און דער כח איז דאך סאך שטארקער ווי תפילה איז וואס איז די עצה נישט אלעמאל איז דא די יישוב הדעת און די קאפ אויפן פלאץ צו בעטן בעת א נסיון בפרט בעת א נסיון איז דא א בחינה אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות

זעט מען אז בעת א נסיון איז דא פון א געוויסע בחינה א העדר אין דעת און אז מען האט שוין יא די כח צו פועל'ן וואלט מען עס דאך געוואלט ניצן אויף וויכטיגע זאכן וואס מען דארף צו דעם יישוב הדעת

איז די עצה צו דעם לייג אוועק די

כח אויף שפעטער און ניץ עס ווען וועסט יא האבן יישוב הדעת און ווען עס וועט דיר שטארק דריקן צו פועלן עפעס דעמאלסט וועסטו זיך דערמאנען איין רגע איך האב נאך די כח פון דעם נסיון און פון דעם נסיון און מען וועט תיכף פועל'ן

די וואך איז די פרשה פון די חצוצרות זאל די אויבערשטער העלפן מען שול זוכה זיין צו די קול שופר של מלך המשיח בב"א: